# פרשת בהר - בחוקותי כ"א – כ"ז אייר תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר - בחוקותי***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד שאמשאן שליט"א** שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קע"א סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בדרשת פרקי אבות בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מיר** האבן געלערנט די פאריגע וואך אין פרק (אבות ד-יג), אז רבי נהוראי האט געזאגט, הוי גולה למקום תורה, דו זאלסט איבערלאזן דיין שטוב, און דו זאלסט אוועקגיין צו א מקום תורה. ואל תאמר, און דו זאלסט נישט זאגן, שהיא תבוא אחריך, אז אפילו איך וועל זיין אויף א פלאץ וואס איז נישט קיין מקום תורה, וועלן די תלמידי חכמים קומען אויף דעם פלאץ, און איך וועל קענען לערנען דארט וואו איך וועל זיין. זאלסטו נישט אזוי זאגן, שחבריך יקיימוה בידך, ווען דו וועסט זיין צווישן חברים וואס זענען בעלי תורה, די וועלן האלטן די תורה ביי דיר. דאס איז איין פשט אין ברטנורא.

**עס** קען זיין א רמז דערין. די גמרא (מנחות ז.) פארציילט, אז רב חסדא האט געלערנט מסכת מנחות ביי זיין רבי, אבימי. דער אבימי איז שפעטער נישט געזונט געווארן, און ער האט פארגעסן זיין לערנען. האט ער זיך אויפגעהויבן, און ער איז געגאנגען צו זיין תלמיד רב חסדא, אז ער זאל אים צוריק אויסלערנען וואס ער האט מיט אים געלערנט. פרעגט די גמרא, פארוואס איז אבימי געגאנגען צו רב חסדא, ער האט דאך געקענט שיקן א שליח צו זיין תלמיד רב חסדא, אז ער בעהט אים, אז ער זאל קומען צו אים, און ער זאל לערנען מיט אים וואס ער האט פארגעסן. פארוואס איז ער געגאנגען צו זיין תלמיד לערנען. זאגט די גמרא, אז אבימי האט געזאגט, אז ער וועט האבן מער סייעתא דשמיא צוריק צו געדענקען דאס לערנען, ווען ער וועט אוועקגיין פון זיין שטוב, און גיין צו רב חסדא. פארוואס וועט ער האבן מער סייעתא דשמיא ווען ער וועט גיין צו רב חסדא, זאגט רש"י דערויף דריי ווערטער, ווייל יגעת ומצאת תאמין (מגילה ו:). ווען א מענטש פלאגט זיך, וועט ער נאכדעם טרעפן. האט ער זיך געוואלט פלאגן, איז ער אוועקגעגאנגען פון זיין שטוב, צו גיין צו רב חסדא.

**דער** רש"י איז הפלא ופלא. געוויינליך ווען מען טייטשט יגעת ומצאת תאמין, איז דער טייטש, אז וויפיל א מענטש לערנט, און ער פלאגט זיך מער צו פארשטיין דעם תוספות, וועט ער אלץ מער טרעפן. אבער א מענטש וואס לערנט אויבערפלעכלעך, און ער פלאגט זיך נישט דערויף, וועט ער נישט יורד זיין לעומקן של הדברים, און די תורה וועט נישט בלייבן ביי אים. ווען א מענטש פלאגט זיך אויף א זאך, און ער האט עס גוט אדורכגעלערנט, און ער קען עס אדורך און אדורך, בלייבט ביי אים די תורה. פון רש"י איז משמע, אז נישט נאר די יגיעה פון די תורה אליין, וואס דו פלאגסט זיך אויפן לערנען, אויף דעם זאגט מען, יגעת ומצאת תאמין. נאר יעדע יגיעה וואס א מענטש האט צוצוקומען צו תורה, איז אין כלל פון יגעת ומצאת. דו האסט זיך געפלאגט דערויף, עס האט דיר געקאסט כוחות צו קומען, ליגט א ברכה אין די לערנען וואס דו לערנסט, אז דו וועסט טרעפן. - ווען א מענטש לאזט איבער זיין שטוב, כדי צו לערנען תורה. דער וועג וואס ער דארף גיין פון זיין שטוב צו לערנען, צו עס איז זומער און עס איז הייס, צו עס איז ווינטער און עס איז קאלט, אדער עס פעלט די באקוועמליכקייט אויף דעם פלאץ וואו מען לערנט, וואס פאר א יגיעה א מענטש האט פאר תורה, גייט עס אריין אינעם כלל פון יגעת ומצאת תאמין.

**פאר** דעם אבימי, איז געווען א געוואלדיגע מסירת נפש, איבערצולאזן זיין שטוב, און גיין צו רב חסדא. ער איז שוין מן הסתם נישט געווען א

יונגערמאן, אז ער האט שוין געהאט א תלמיד רב חסדא. און ער לאזט איבער זיין שטוב, זיין פרישטאג מיט נאכטמאל, און זיין בעט, און ער גייט אוועק אין א פרעמדע שטאט. און צו לערנען מסכת מנחות מיינט נישט אז מען גייט זיין דארט נאר איין שעה, און מען קומט שוין צוריק, נאר דאס מיינט אז ער האט געדארפט זיצען דארט א לענגערע צייט, ביז מען האט אפגעלערנט מסכת מנחות. די בזיון פון אבימי, וואס טוט דער רבי ביי זיין תלמיד רב חסדא, עס איז נאר ווייל דער תלמיד דארף אים צוריק אויסלערנען וואס ער האט געלערנט. וואלט דאך געווען פאר דעם אבימי אסאך חשוב'ער, ווען ער שרייבט א בריוו פאר רב חסדא, קום צו מיר אהיים, און לערן מיט מיר וואס מען האט געלערנט. און אבימי זאל ווייטער זיצען אין זיין דירה, ביי זיין טיש און בענקל, און קיינער וועט נישט וויסן אז דער תלמיד לערנט אים אויס. מען וועט מיינען אז רב חסדא איז געקומען לערנען ביי אבימי, און נישט פארקערט. יגעת ומצאת, דאס וואס א מענטש פלאגט זיך כדי צוצוקומען צו תורה, איז אין כלל פון יגעת ומצאת תאמין.

**די** גמרא (שבת קמז:) זאגט, אז רבי נהוראי איז געווען רבי אלעזר בן ערך. אויף רבי אלעזר בן ערך זאגט די גמרא (שם), אז ער האט פארגעסן זיין לערנען. האט דער רבי נהוראי געזאגט, ער האט גערעדט פון אזא מצב וואס ער איז. 'הוי גולה למקום תורה', אויב דו ווילסט צוריק געדענקן וואס דו האסט געלערנט, לאז איבער דיין פלאץ און גיי למקום תורה, ווייל דאס וואס דו ביסט גולה למקום תורה, דאס איז אין כלל פון יגעת, דו פלאגסט זיך כדי דו זאלסט האבן די תורה. 'ואל תאמר', און דו זאלסט נישט זאגן, 'שהיא תבוא אחריך', פארוואס דארף איך גיין צו מיין תלמיד, זאל מיין תלמיד קומען צו מיר. אל תאמר, זאג נישט, שהיא תבוא אחריך, אז ער זאל נאכקומען נאך דיר, נאר הייב דיך אויף, און גיי צו אים לערנען תורה. ווייל ווען א מענטש פלאגט זיך אויף תורה, איז עס אין כלל פון יגעת ומצאת תאמין.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **ראובן קאליש** הי"ו (סיגעיט), עב"ג בת הר"ר **בנימין מאיר וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס.

*

***יום שני פרשת בהר - בחוקותי***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שמחה ישראל וייזער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (15 עוו.). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **פנחס יוסף בערקאוויטש** ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת בהר - בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד, להשתתף אצל מסיבה נהדרת לטובת המתיבתא, שנערך בבית הר"ר **שאול וואהלהענדלער** הי"ו. הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו פתח את המסיבה, וכיבד את הרה"ג **רבי יעקב יצחק אלבוים** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה) לישא מדברותיו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, איך וועל אנהייבן קודם מיטן כבוד פון די אכסניא, רבי שאול זאל זיין געזונט, וואס האט געמאכט זיין שטוב פאר א בית וועד לחכמים. עס קומט זייער גרינג אן אריינצוקומען צו א פארטיגע מסיבה, און מען זעצט זיך אראפ צו א סעודה. אבער יעדער

ווייסט וויפיל פלאג דאס איז, אויסצולײדיגן א שטוב, און איבערצוווארפען א שטוב, און קענען מאכן א מסיבה אינדערהיים. עס איז זיכער אז דער אייבערשטער באצאלט עס, לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), לויט די שוועריקייטן וואס איז דא, איז גרעסער די חשיבות פון די מצוה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל זעהן אסאך ברכה און הצלחה אין אלעם וואס ער טוט, און ער זאל זעהן אסאך נחת פון די קינדער.

**מיר** זיצען דא צוזאמען תלמידים פון די מתיבתא. איך בין אדורכגעגאנגען דעם ציבור וואס זיצט דא, און עס האט ביי מיר ארויפגעברענגט אסאך מחשבות, פון אסאך יארן וואס איז אדורכגעגאנגען, וואס מען איז געווען צוזאמען. און איך מוז זאגן, אז איך האב א געוואלדיגע הנאה, איך קוק וואס איז אויסגעוואקסען פון די דעמאלטס'דיגע בחורים, און היינט זענען זיי שוין באלד זיידעס. און מען פירט זיך ערליך, מען איז קובע עתים לתורה, און מען פירט שיינע יודישע שטובער. עס גיט א געוואלדיגען חיזוק אויף די עבודת הקודש וואס מען טוט. און איך וויל וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען ווייטער אנגיין אין דעם וועג, אויפשטעלן דורות נאמנים לה' ולתורתו, ווייל עפעס אנדערש האט נישט קיין מענטש, פון די וועלט גארנישט. נאר אז ער האט א ערליכע יודישע שטוב, און ער זעהט נחת ביי די קינדער, דאס איז די גרעסטע שמחה און פרייד וואס מען קען האבן.

**מען** רעדט פון החזקת התורה, יעדע מקום וואס מען איז מחזיק, האט א געוואלדיגע חשיבות. אבער מען געפונט אין חז"ל אליין, אז עס איז דא געוויסע הקדמות פאר צדקה. עניי עירך האט א אנדערע הלכה פון א געווענליכע עני. א פלאץ ווי מען האט אליין נהנה געווען, מען איז אליין געוואקסען דארט, יעדער איינער וואס האט געלערנט אין א ישיבה ווייסט, אז די ישיבה האט איבערגעלאזט אויף אים א געוויסען חותם אויף זיין גאנץ לעבן. **וואס א מענטש איז אויף די עלטער, האט ער אסאך צו פארדאנקען אויף וויפיל ער האט זיך קונה געווען אין די יוגענט.** איז דא א עקסטערע הכרת הטוב, אז א מענטש זאל מחזיק זיין דעם מקום פון וואו ער איז אויסגעשטיגען, אז מען זאל עס ווייטער אנהאלטן.

**עס** איז די וואך די פרשה פון בחוקותי, אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, ווען מען פלאגט זיך אין די תורה, גיט די תורה די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה. אין הייליגע ספרים שטייט, אז יששכר און זבולון זענען שותפים. דער זבולון איז מחזיק דעם יששכר, די תומכי תורה זענען מחזיק די לומדי תורה. אמאל איז דא עמלות בתורה, וואס מען פלאגט זיך אין די תורה אליין. און אמאל איז דא א עמלות בתורה, וואס א מענטש פלאגט זיך אין עניני עולם הזה, אבער די פלאג וואס ער פלאגט זיך דארט גייט פאר תורה. ער פלאגט זיך אין זיינע געשעפטן, כדי ער זאל קענען מחזיק זיין תורה, און ביי אים איז אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, די עמל וואס ער טוט אין עניני עולם הזה, וואס דאס גייט נאכדעם אריין אין תורה. - אזוי שטייט אין חז"ל (סנהדרין צט:) אז יעדער מענטש דארף זיך פלאגן אויף די וועלט, אבער אשרי מי שעמלו בתורה, גליקליך איז דער וואס זיין עמל איז אויסגעגאנגען צו תורה, האט עס א עקסטערע חשיבות.

*

**מען** שטייט צווישן ל"ג בעומר און מתן תורה, איך וועל זאגן א נקודה וואס מען געפונט ביי ביידע די זעלבע נקודה. אויף ל"ג בעומר זאגן חז"ל (שבת לג:), אז ווען רבי שמעון איז ארויסגעגאנגען פון די מערה נאך צוועלף יאר זיצען אפגעזונדערט פון די וועלט, און געלערנט מיט אזא אויסטערלישע פרישות, נישט געגעסן און נישט געטרינקען, נישט געשלאפן געהעריג, נאר געגעסן באקסער, דרייצן יאר אין איין צו. עס איז זיך נישט פארצושטעלן וואס דאס מיינט, צו עסן איין מאכל דאס גאנצע לעבן. עס איז נישט געווען קיין בעט צו שלאפן, מען איז געשלאפן אויף די ערד. מען איז געזעסן אין די זאמד, זומער און ווינטער, צוועלף חדשים א יאר, אלץ אויפן זעלבן וועג. ווען ער איז ארויסגעגאנגען נאך אזא

דערהויבענקייט וואס ער האט געהאט דארט אין די מערה, און ער האט געזעהן מענטשען אויף די גאס, און מען ארבעט, מען אקערט, מען זייעט אן, האט ער נישט געקענט פארשטיין, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה?! מען לאזט איבער חיי עולם, און מען איז עוסק אין חיי שעה. ווען מען קען זיצען און לערנען און עוסק זיין אין עבודת ה', דרייט מען זיך ארום און מען אקערט מיט די ערד, און מען זייט אן דאס עסן. אזוי ווייט, אז כל מקום שנתנו בו עיניהם איז געווארן א שריפה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, עטץ גייטס חרוב מאכן מיין וועלט? אויף דעם זענט עטץ ארויסגעגאנגען?! גייטס צוריק אין די מערה. זענען זיי צוריק געגאנגען אויף א יאר, משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש (עדיות ב-י), און ווען ער איז ארויסגעקומען איז ער שוין געווען רואיגער, און רבי שמעון האט געזאגט פאר זיין זון, די לעולם אני ואתה, עס איז גענוג פאר די וועלט, איך מיט דיר, צוויי מענטשען וואס זענען עוסק בתורה אין אזא הויכע מדריגה. זאלן זיי וויטער עוסק זיין אין חיי שעה, און מיר וועלן עוסק זיין אין חיי עולם. און רבי שמעון האט געזעהן נאכדעם א אלטער יוד וואס איז געגאנגען מיט צווי הדסים, האט ער אים געפרעגט, פארוואס דארפסטו די הדסים. האט ער אים געזאגט, אז עס איז לכבוד שבת. פרעגט ער אים, פארוואס דארפסטו צוויי, עס איז גענוג איינס. זאגט ער, כנגד זכור ושמור. האט ער געזאגט, קוק ווי חביב די מצות זענען ביי יודען. - וואס מיינט, דַי לעולם אני ואתה? יעדער יוד וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, דארף טון וואס ער האט צוטון. וואס מיינט עס, דַי לעולם אני ואתה, אז עס גענוג איך מיט דיר.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז דא די לומדי תורה, און עס איז דא די תומכי תורה. אפילו א מענטש איז נישט זוכה צו זיין פון די לומדי תורה, אבער ער האט א זכיה תומך צו זיין תורה, טוט ער זיין תפקיד אויף דעם עולם. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן כלל ישראל, און רוב וועלט זיצען נישט אין בית המדרש און מען לערנט. רוב וועלט איז עוסק אין עניני עולם. ווייל דער אייבערשטער האט אזוי אראפגעשטעלט די וועלט, אז עס זאל זיין א יששכר, און עס זאל זיין א זבולון, און זבולון טוט זיך משלים זיין מיט דעם וואס ער טוט זיין ארבעט, און ער איז מחזיק תורה. - עס איז נישט א קשיא, פארוואס מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, פארוואס זיי גייען ארויס ארבעטן. אויב זיי זענען מחזיק תורה, זיי העלפן פאר רבי שמעון און פאר רבי אלעזר, אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען, האבן זיי א חלק אין זייער תורה. האט ער געזאגט, 'דַי לעולם אני ואתה', דער אייבערשטער דארף נישט אז יעדער זאל זיין פון די עוסקי תורה. נאר דער אייבערשטער דארף, אז איך מיט דיר זאלן לערנען, און די אנדערע זאלן זיין די מחזיקי תורה. און זיי האבן נאכדעם א חלק אין אונזער תורה, און חלק כחלק יאכלו.

**וואו** זעהט מען, אז ווען איינער העלפט צו פאר יענעם, האט ער א חלק אזוי ווי ער לערנט אליין. מען זעהט, אז ביי שבת איז דא די מצוה פון זכור ושמור. שמור איז טייטש אפהיטן דעם שבת, און זכור איז טייטש אז מען העלפט צו פארן שבת. מען געדענקט פון זונטאג מאנטאג און דינסטאג צוצוגרייטן פארן שבת. זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו, צו ווייזען אז דער שומר שבת מיט דעם וואס ער העלפט צו פארן שבת, איז די זעלבע. קומט אויס, אז פון דעם האט ער געזעהן די חביבות פון מצות אויף יודען, אז ווען מען העלפט צו תורה, האט מען די חשיבות פון תורה.

**די** זעלבע נקודה געפונט מען אויך ביי מתן תורה, די גמרא (מנחות כט:) זאגט, אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל מקבל זיין די תורה, האט ער געזען ווי דער אייבערשטער זיצט כביכול, און ער איז קושר כתרים לאותיות פון די תורה. עס איז געווען א ספר תורה פארן אייבערשטען כביכול, און עס איז געווען נאר די אותיות אליין, און דער אייבערשטער האט צוגעלייגט קרוינען, תגין, צו די אותיות פון די תורה. עס איז דא אותיות וואס האבן איין תג, און עס איז דא אותיות וואס האבן צוויי תגין, אדער דריי תגין. האט ער געפרעגט דעם אייבערשטען,

וואס איז דאס? האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז עס גייט אמאל זיין א יוד וואס וועט הייסען עקיבא בן יוסף, און ער וועט אויף די אלע קוצים, אויף די אלע שטרעכעליך וואס איז דא אין די תורה, וועט ער דרשנ'ן תילין תילין של הלכות. מיר וויסן נישט וואס מען קען דרש'נען אויף די תגין, ווייל ביי אונז אין חז"ל איז נישט דא קיין דרשות אויף די תגין פון די אותיות. אבער אין נסתר התורה, האט רבי עקיבא אויף יעדע פונטעלע וואס איז דא אין די תורה געקענט דרש'נען גאנצע הויפנס פון הלכות. - וואס מיינט דאס, אז דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט תגין צו די תורה, און רבי עקיבא וועט דרש'נען אויף דעם תילין תילין של הלכות. אין די מפרשים שטייט, אז א יעדער יוד האט א אות אין די תורה, אבער גרים האבן נישט קיין אות אין די תורה, זיי זענען נישט פון די ששים רבוא יודען. גרים האבן נאר א שייכות אין די תורה, דורך די תגין. רבי עקיבא איז געווען א בן גרים (רמב"ם בהקדמה ליד החזקה), האט ער נישט געהאט א אות אין די תורה, איז זיין שורש נשמה געווען אין די תגין וואס איז דא אין די תורה.

**לענינינו** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. עס זענען דא יודען וואס זייער לעבן איז תורה, זיי לעבן אין די אותיות פון די תורה, דאס איז זייער גאנצע חיות, זייער וועלט איז א וועלט פון תורה. דאס איז די אותיות פון די תורה. עס איז אבער דא אזעלכע יודען וואס דער אייבערשטער האט זיי נישט מזמין געווען אז זייער חלק א גאנצע טאג זאל זיין תורתן אומנתם, מען זאל ליגען אין די תורה. און פאר זיך אליין, זענען זיי עוסק אין קוצים. די קרוינען וואס איז דא אין די תורה, דאס איז אזוי ווי קוצים, אזוי ווי דערנער. פאר זיך אליין זענען זיי נישט עוסק אין תורה, אבער ווען מען נעמט דעם קוץ, און מען איז אים מחבר צו א אות אין די תורה, ווערט ער א קרוין פון דעם אות. דער זעלבער קוץ וואס פאר דעם איז ער נאר געווען א פינטל, און א שטרעכעלע, ווען מען האט אים צובאהאפטן צו די אותיות התורה, איז נישט אז ער איז געבליבן א קוץ, נאר ער גיט נאך צו א שיינקייט פאר די תורה.

ווייל דער תלמיד חכם קען נישט מרביץ תורה זיין ווען ער האט נישט דעם מחזיק תורה, איז די כתרים וואס מען שטעלט צו, צו די אותיות, דאס איז די שיינקייט פון תורה.

**משה** רבינו האט געזען ווי דער אייבערשטער שרייבט תגין צו די תורה, האט ער געפרעגט, וואס דאס איז. די אותיות פון די תורה ווייסט ער, אבער וואס זענען די שטרעכעליך וואס מען האט צוגעגעבן. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, עס וועט קומען עקיבא בן יוסף, און ער וועט דרש'נען על כל קוץ וקוץ תילין תילין של הלכות, ער וועט מאכן פון דעם קוץ, אז דער קוץ איז נישט נאר א קוץ, נאר אין דעם קוץ ליגט תילין תילין של הלכות, ווייל זיי זענען חלק כחלק יאכלו. די תורה פון רבי עקיבא ווערט צוטיילט פאר די וואס האבן א חלק דערין. און דאס איז וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט תגין צו די אותיות, צו ווייזען אז אפילו א יוד וואס זיין חלק אויף די וועלט איז נישט אין די תורה אליין, אבער זיין חלק איז, אז ער העלפט צו, צו תורה, איז ער אזוי ווי דער קוץ וואס ליגט באהאפטן צו די תורה. און אויף דעם קוץ ליגט תילי תלין של הלכות. און עס ווערט אויס קוץ, עס ווערט א קרוין, א כתר פאר די תורה.

**קומט** אויס, אז ביידע ענינים וואס מען האט גערעדט, סיי פון רבי שמעון בן יוחאי, וואס איז ארויסגעגאנגען פון די מערה, און ער האט געזאגט די לעולם אני ואתה, און די איבריגע זאלן צוהעלפן צו תורה. און סיי ווען עס קומט מתן תורה, וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט תגין צו די אותיות התורה, און על כל קוץ וקוץ דרש'נט מען דערפון תילי תילין של הלכות, איז די נקודה דערפון די זעלבע, אז ווען א יוד העלפט צו, צו תורה, האט ער א געוואלדיגע חשיבות.

**מיר** רעדן נישט פון קיין קוצים, ווייל ב"ה די אלע וואס זיצן דא זענען אליין בני תורה. מען ווייסט, אז עולם הבא קען מען קויפן ווען מען גיט געלט פאר תורה, אבער עולם הזה קען מען נישט קויפן, נאר אויב מען לערנט תורה אליין.

רובם ככולם זענען עוסק בתורה. יעדע פרייע צייט וואס מען האט, גיט מען אוועק פאר תורה, און אזוי דארף צו זיין. אבער די חשיבות איז, וואס א מענטש גיט אוועק פון זיין ארבעט, ער גיט אוועק פון זיין עולם הזה אויף מחזיק צו זיין תורה, האט עס א געוואלדיגע חשיבות, און דורך דעם ווערן די תגין מקושר צו די אותיות התורה אליין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל האבן אסאך הצלחה אין וואס מען טוט, מען זאל קענען שטענדיג טון מצות און מעשים טובים, זיין שותפים, און האבן א חלק אין די תורה הק'. אם בחוקותי תלכו, אפילו מען גייט ארויס אויף די גאס, און מען דארף עוסק זיין אין עניני עולם הזה, איז עס עמלים בתורה, א חלק פונעם עמל וואס מען טוט, גייט אוועק פאר תורה, איז דא די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה. מען ליינט די פרשה, קריאה איז מעורר הזמן, בשעת מען ליינט די פרשה, האבן די ברכות א עקסטערע חשיבות. זאל דער באשעפער געבן פאר יעדן איינעם ברכה און הצלחה אין אלע ענינים וואס מען טוט, און מען זאל קענען מגדל זיין די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת בהר - בחוקותי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם אויש** הי"ו, ולבן הר"ר **יעקב** (ב"ר אהרן) **קליין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יוסף דוד טובל** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוסף שמואל ביללער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **זאב יהודא** נ"י בן הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק), שהתקיים באולם קראסנא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו, זאגט די תורה די אלע ברכות, ונתתי גשמיכם בעתם, און אזוי ווייטער. רש"י טייטשט, אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, אז מען וועט זיך פלאגן אויף תורה. און נאכדעם קומט שמירת המצות, ואת מצותי תשמורו ועשיתם אותם, און דעמאלטס וועלן קומען די ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה. - דער מדרש (ויק"ר לה-א) ברענגט צו א פסוק (תהלים קיט-נט), דוד המלך האט געזאגט, חשבתי דרכי, איך טו רעכענען מיינע וועגן, ואשיבה רגלי אל עדותיך, און איך טו פירן מיינע פוס צו די תורה. דער מדרש טוט עס צושטעלן, ווייל דא שטייט די לשון הליכה, אם בחוקותי תלכו, און דוד המלך האט אויך מחשיב געווען דרכי, די וועגן צו די תורה, ואשיבה רגלי אל עדותיך.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, מען ווייסט אז לימוד התורה איז פון די חשוב'סטע מצות וואס איז דא ביי אונז. ותלמוד תורה כנגד כלם (פאה א-א), א יוד דארף אויסנוצען יעדע פרייע מינוט וואס ער האט, פאר לימוד התורה. בפשטות איז דער עיקר פון די מצוה פון לימוד התורה, מען זאל וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן נאכדעם. אז מען לערנט נישט, ולא עם הארץ חסיד (אבות ב-ה), אז מען האט נישט געלערנט תורה, ווייסט מען נישט ווי אזוי מען האלט שבת, ווי אזוי מען דארף לייגען תפלין, ווי אזוי מען דארף מקיים זיין אלע אנדערע מצות פון די תורה. מען בעהט יעדן טאג ביי אהבה רבה, אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד, צו קענען לערנען, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה, מען זאל קענען מקיים זיין די מצות.

**אבער** עס איז נישט אינגאנצן אזוי. לימוד התורה איז נישט געגעבן געווארן נאר כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין די מצות. אפילו א תלמיד חכם וואס קען שוין כל התורה כולה, און ער ווייסט וואס מען דארף צו טון, פון דעסטוועגן דאך איז דא א חיוב פון לימוד התורה. יעדע מינוט וואס מען האט, דארף מען אוועק געבן אויף עמלות בתורה. לימוד התורה פאר זיך אליין איז חכמתו של הקב"ה, וואס א יוד דארף שטענדיג ליגן אין תורה הק'. די ראיה דערויף איז, אז מען זעהט ווען א קינד ווערט געבוירן, זאגט די גמרא (נדה ל:) אז עס איז דא א מלאך וואס לערנט אויס פארן קינד כל התורה כולה. און בשעת ער דארף ארויסקומען לאויר העולם, בא מלאך וסטרו על פיו, און ער פארגעסט וואס ער האט געלערנט. אויב דער גאנצער תכלית פון לערנען איז נאר כדי צו וויסן ווי אזוי מקיים צו זיין די מצות, וואלט דער אייבערשטער אים געדארפט לאזן מיט די תורה וואס דער מלאך האט אים אויסגעלערנט, כדי ער זאל קענען נאכדעם מקיים זיין אלע מצות פונעם אייבערשטען. ניין, לימוד התורה איז נישט נאר אז דו זאלסט קענען. מען ווייזט פארן מענטש, דו האסט אלעס געקענט, און פון דעסטוועגן דאך נעמט מען צו פון דיר די לימוד התורה וואס דו האסט געקענט ביז יעצט, הייב דיך אן צו פלאגן, א' ב', עברי, חומש, און אזוי ווייטער, ביז דו וועסט צוקומען צו קענען כל התורה כולה. ווייל דער ציל איז נישט נאר אז מען זאל קענען כל התורה כולה, נאר די ציל איז די וועג וואס מען פלאגט זיך דערויף, צוצוקומען צו תורה, דאס איז די חשיבות פון תורה.

**איך** האב אמאל געהערט פארציילן, אז עס איז געווען א יוד וואס דער דאקטער האט אים געזאגט, אז פאר זיין געזונט, דארף ער מאכן עקסערסייז יעדן טאג. ער דארף שפאצירן א שעה איבערן טאג, כדי ער זאל זיין געזונט מיט די כוחות. יעדן טאג מיטאג איז ער געגאנגען פון זיין שטוב ביז די עק פונעם שטאט, עס האט אים גענומען א האלבע שעה איין וועג, און א האלבע שעה האט אים גענומען צוריק צו גיין, און אזוי האט ער געטון פאר זיין בריאות. איין מאל ווען ער גייט אויף דעם וועג, טרעפט ער זיין חבר פארן מיט א קאר, און דער חבר זאגט אים, איך זעה אז דו גייסט אויף דעם וועג, קום איך וועל דיר ארייננעמען אין די קאר, און איך וועל דיך צוטראגען ביז די עק פונעם שטאט, דארט וואו דו ווילסט גיין. זאגט ער אים, ניין, איך גיי נישט וועגן דעם ווייל איך וויל אנקומען דארט אינעם עק שטאט, איך גיי ווייל איך דארף גיין, איז ממילא האב איך גארנישט קיין נוצן, אז דו וועסט מיר צו טראגען אהין מיט א קאר. איך דארף גיין, און איך דארף צוריקגיין, דאס איז פאר מיין געזונט, די וועג וואס איך גיי. - אמאל איז דא וואס א מענטש פארט ערגעץ, ווייל ער וויל אנקומען אין יענעם מקום, און אז מען וועט אים טראגען מיט א שם אויף יענעם מקום, וואלט ער געווען צופרידן, אז ער דארף נישט אדורכגיין דעם גאנצען מהלך. אמאל איז דא א מענטש וואס ער גייט, ווייל ער דארף גיין דעם וועג אליין, און צו דעם נוצט נישט אז מען וועט אים צוטראגען צו דעם פלאץ וואו ער וויל אנקומען צום סוף, ווייל נישט דאס איז זיין ציל. דער ציל איז די הליכה אליין, צו גיין פון איין פלאץ, און צוריקקומען צו דעם פלאץ וואו ער איז געווען.

**די** תורה הק' איז אויך די זעלבע, די ציל פון לערנען תורה איז נישט נאר צוצוקומען אז מען זאל קענען כל התורה כולה. דער עיקר איז, די הליכה, דאס גיין. מען דארף זיך פלאגען אויף לערנען, צו פארשטיין יעדן תוספות און אזוי ווייטער, דאס איז די חשיבות פון לימוד התורה. - דוד המלך האט געזאגט, 'חשבתי דרכי', נישט נאר די תורה אליין איז ביי מיר חשוב, נאר ביי מיר איז אויך חשוב, די וועגן צו גיין צו תורה, 'ואשיבה רגלי אל עדותיך', דאס וואס מיינע פוס דארפן מיך טראגען צו די תורה, דאס איז ביי מיר א חשיבות. ווייל ביי אים איז נישט געווען די חשיבות נאר לשמור ולעשות, נאר וועגן דעם לערנט ער, ווייל דער עצם לימוד התורה אליין איז חשוב.

**און** אויף דעם זאגט די תורה הק', אז די עמל בתורה דארף צו זיין, נישט נאר אז מען זאל אנקומען צו קענען כל התורה כולה, און מער בין

איך נישט מחוייב. נאר אם בחוקותי תלכו, די עמלות בתורה דארף זיין די הליכה, דער וועג, דאס אדורכגיין אליין, ביז מען קומט אן, און מען שטייגט אין לערנען. עס איז נישט נאר די ציל אנצוקומען אז מען האט געלערנט, און מען קען. די ציל איז, דער וועג אליין, וואס מען פלאגט זיך, דאס עמלות בתורה, אויף דעם איז די ונתתי גשמיכם בעתם.

**דער** חשובער בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה, דארף מען וויסן, יעצט איז די צייט צו נעמען אויף זיך די עמלות בתורה. דאס איז די חשיבות פונעם לערנען, מען דארף זיך מוטשענען דערויף, אז מען זאל שטייגען אין תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען ווייטער וואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד. – איך וויל ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר ר' יואל זאל זיין געזונט, וואס ער טוט מיך משמש זיין אזויפיל יארן מיט אלעם וואס איך דארף צו האבן, מיט א אויסערגעווענליכע געטריישאפט. די גמרא (שבת כג:) זאגט, המוקיר רבנן הויין ליה בנין רבנן, דער אייבערשטער באצאלט עס נאכדעם אז מען האט ערליכע וואוילע יודישע קינדער. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער בר מצוה בחור, און אלע קינדער, זאלן וואקסען תלמידי חכמים יראי ה', און מען זאל זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת בהר - בחוקותי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **זאב יהודא** נ"ו בן הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת מרת האפמאן ע"ה (אשת הר"ר **נפתלי ישעי' האפמאן** הי"ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת בהר - בחוקותי***

על שבת קודש הגיע **רבינו שליט"א** לשבות בקרב קהל עדתנו ואנשי שלומינו בעיר בארא פארק. - תפלת מנחה וקבלת שבת התקיים בבית מדרשינו ברכת אברהם, והתפילות ביום שבת קודש התקיים בבית מדרשינו זכרון יהודא.

בקריאת התורה ביום שבת קודש קרא **רבינו שליט"א** שם לבת הנולדה אצל הר"ר **חיים מאיר פראמאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לרגל השמחה. – אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד מסערדאהעלי שליט"א**.

תפלת מנחה התפללו בבית מדרשינו הגדול. אחר מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות במקהלות עם רב שגדשו את היכל הבית המדרש וחדריו הסמוכים.

**רבינו שליט"א** פתח את אמריו בדברי הגמרא (מנחות כט:) כשעלה משה למרום ראה שהקב"ה קושר כתרים לאותיות, והאריך בזה בדברים נפלאים. אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בגודל מעלת עבודת ה' בחיות ושמחה, וחיים בלי תורה לא יהא נחשב אצל האדם לכלום, עד שיהא מוכן למסור נפשו עליהם, באשר שאין לו חיות בלי דרכי התורה, וכמו שאמר רבי עקיבא כל ימי הייתי מצטער מתי יבא לידי ואקיימנה. וענין זה נוגע בכל חלקי החיים, שיהא מוכן לוותר על נוחיותו בדברים שנוגדים לדרכי התורה ועבודת ה', ולדוגמא ההשתמשות בכלי הטעכנאלאגיע וכדומה, שלא ימצא סיפוק בחייו בלי תורה ודרכי מצותיה.

אחר כך נערכה סעודה שלישית ברוב עם באולם עדת טערַאס שעל ידי בית מדרשנו. **רבינו שליט"א** השמיע דברי אגדה בפרשת השבוע, והמשיך בדברי הכנה לחג מתן תורתינו.